# קרית ברסלב בלעטל

שנה ג׳
נומער צ״ז
פרשת לך לך
תשפ״ב

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א



**א בליק פון די ערשטע**
**זמן אין ישיבה**
**שנת תשס״ט**

## א ווארט

פונעם ראש ישיבה שליט״א

### זיך דערהאלטן

די וואך אין די פרשה זעט מען ווי אזוי אברהם אבינו האט געלעבט מיט אמונה אינעם אייבערשטן אפילו ער האט געזען אז זאכן גייען אים פארקערט און ער ווארט לאנגע יארן אויף קינדער; מיט דעם אלעם האט ער געגלייבט אינעם אייבערשטן מיט זיין גאנצע הארץ, אזוי ווי עס שטייט (בראשית טו, ו): ״וְהֶאֱמִן בַּה׳ וַיַּחְשְׁבֶהָ לּוֹ צְדָקָה״, ער האט געגלייבט אינעם אייבערשטן אז ער וועט האבן קינדער און ער האט זיך דערהאלטן מיט זיינע ביטערע נסיונות.

עצתו אמונה לך לך תשע״ט

## זמנים Liberty

פרשת לך לך תשפ״ב
י׳ חשון

הדלקת הנרות ........... 05:58
מוצאי שבת .............. 07:27

**מנחה מעריב פאר פרשת וירא............... 07:05**



# שטעטל נייעס

קרית ברסלב

## א פרישע יאר אין תלמוד תורה און אין בית פיגא

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט זיך אנגעהויבן א פרישע יאר אין תלמוד תורה קרית ברסלב ליבערטי.

אנגעהויבן האט זיך עס מיט א קליין חדר אין די בעיסמענט פונעם מנהל הר"ר אברהם משה שטראססער שליט"א וואס האט דאס וואקסגעגעבן סיי פארן בית המדרש און סיי פארן תלמוד תורה. ביז דער אייבערשטער האט געהאלפן מיט אסאך תפילה האט מען געטראפן גאר א גרויסן שיינעם בנין, וואס דארט האט מען אהערגעשטעלט די תלמוד תורה ווי עס דארף צו זיין.

דאס יאר זענען אויך די גרעסערע קינדער פון כיתה ח' - וואס ביז יעצט פלעגן זיי לערנען אין בית המדרש - אריבער לערנען אינעם בנין התלמוד תורה.

אויך איז דאס יאר צוגעקומען א פרישע חידוש אין תלמוד תורה, מען האט אויפגענומען א קעכער האברך פנחס דוד וועבערמאן הי"ו וואס שטעלט אהער די פרישטאג און לאנטש פאר אלע חשובע קינדער, אינגלעך און אזוי אויך די מיידלעך, וואס דאס האט גאר אסאך פארגרינגערט פאר אלע קינדער און איינגעשטעלטע אינעם מוסד.

צוליב דעם וואס עס איז צוגעקומען ברוך השם נאך קינדער צום מוסד, האט די הנהלת המוסד צוגעלייגט נאך א באס וואס ברענגט און טראגט די קינדער יעדן טאג, עס ווערט געפירט דורך געטרייע אינגעלייט פון אנשי שלומינו, וואס טוען זייער ארבעט באמנות.

גוטע נייעס קומט אריין אז אין די קומענדיגע וואכן וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף זיך עפענען א פרישע קלאס פאר די קלענערע קינדער צוליב דעם וואס עס איז געוואקסן די כיתה מיט א שיינע צאל קינדער קע"ה.

אזוי ווי דער חדר בילדינג איז ברוך השם א גרויסע בנין, און שטענדיג מאכט זיך פארשידענע זאכן וואס דארף ווערן פארראכטן און אזוי ווייטער, איז צוליב דעם אויפגענומען געווארן א אינגערמאן אליעזר שמן הי"ו וואס מאכט זיכער אז אלעס וואס דארף ווערן פארראכטן זאל ווערן פארראכטן.

פון די מוסדות אפיס הערט מען אז מען ארבעט פאר א ספעציעלע פערמיט פון די שטאטישע באאמטע צו ארויפבויען אינעם בנין נאך כיתות, ווי נאר מען וועט האבן די נויטיגע פערמיטן וועט מען אנהייבן מיט די בוי ארבעט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף, וואס דאס וועט זיכער צוגעבן הרחבת הדעת אינעם תלמוד תורה.

ווי געמאלדן א צייט צוריק האט די מוסד אפגעקויפט א בנין הארט נעבן דעם תלמוד תורה בנין, יעצט ארבעט מען גאר פלייסיג אינעם בנין עס אהערצושטעלן ווי עס דארף צו זיין, פאר די באניץ פונעם מוסד.

די קאנסטרוקציע פאר די עקסזיסטירנדע בנין און אזוי אויך פארן נייעם בנין ווערט געמאכט דורך די פעסט בילד פירמע אנגעפירט דורך האברך שבתי מזרחי הי"ו וואס איז מנדב די קאסטן וואס פעלט זיך אויס, דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט אלעס גוטס.

אין בית פיגא סקול איז אויך צוגעקומען פרישע תלמידות, וואס דאס האט צוגעברענגט מען זאל צולייגן א נייע קלאס מיט נאך א טיטשער.

ווי מען הערט נאך פון די עלטערן איז מען ברוך השם זייער צופרידן מיט אלעס וואס מען שטעלט צו פאר אונזערע קינדער, די מוסד איז ממש איינס אין די וועלט, מען לייגט אריין אין די קינדער א געשמאק צו אידישקייט מיט אזא מין זיסקייט וואס מען זעהט נישט אין ערגעץ, אזוי אויך די אמונה מיט וואס די קינדער וואקסן אויף איז עפעס וואס וועט בלייבן אין זיי איינגעקריצט פאר די גאנצע לעבן.

קרית ברסלב

## קאנסטרוקציע אין בית המדרש היכל הקודש ליבערטי - דענמאן

פרישע קאנסטרוקציע ווערט יעצט געמאכט אין דעם בית המדרש אויף דענמאן גאס, מען מאכט איבער דעם גאנצן בית המדרש גאר שיין, מען פרישט איבער די ווענט און די פלאר, מען לייגט נייע לייטס, און אזוי אויך מאכט מען איבער די בית הכסא'ס.

דער בית המדרש איז שוין באקאנט מיט איר געשמאק און אייגנארטיגקייט, עס ווערט געפירט דורכ'ן געטרייען גבאי ר' מרדכי היימליך הי"ו, וואס ער מאכט זיכער אז אלעס אין בית המדרש זאל קלאפן על צד היותר טוב, דער אייבערשטער זאל אים באצאלן מיט אלעס גוטס.

די קאנסטרוקציע ווערט געמאכט דורך א קאמפעני פון איינע פון אנשי שלומינו הרוצה בעילום שמו, וואס טוט טו די ארבעט מיטן גאנצן הארץ, דער אייבערשטער זאלן אים צוריק געבן מיט אלעס וואס ער דארף.

ביי די בילדער אפטיילונג קען מען זעהן א בילד פון די קאנסטרוקציע אינעם בית המדרש.

בלומינגראוו

# קאנסטרוקציע אין בית המדרש היכל הקודש בלומינג-גראוו

גאר א שיין ווינקל געפונט זיך אינעם שטילן שטעטל בלומינג-גראוו, וואס איז בגלילות קרית יואל.

פאר פיר יאר צוריק האבן זיך א קבוצה אינגעלייט פון אנשי שלומינו אריבער געצויגן קיין בלומינג-גראוו, וואס צוליב דעם האט מען געזען די געברויך פון עפענען א בית המדרש היכל הקודש אינעם געגנט, זייט דעמאלט איז דער בית המדרש אפן לשם ולתפארת.

עס קומען אלץ צו פרישע מקורבים, וואס זענען זיך מחיה מיט אזא געשמאקן ווינקל, וואס די גאנצע לופט איז אנגעפולט פון פרייליכקייט, מען רעדט דעם רבינ'ס דיבורים און מען איז עס מקיים.

אויסער די פילע אידן פון בלומינגגראוו וואס נוצן דעם בית המדרש יעדן שבת קודש ווי מען דאוונט אינאיינעם, און מען הערט די געשמאקע דיבורי התחזקות פון רבי'ן, דורכן גבאי הר"ר בערל לעווי שליט"א, ווערט אויך דער ביהמ"ד באנוצט דורך פילע אידן אינדערוואכן וואס קומען פון אלע געגנטער ארום ווי קרית יואל, מאנרא, טשעסטער, און וואודבארי. יעדע נאכט קומט מען זיך צאם און דער גבאי פון ביהמ"ד לערנט פאר דעם דף גמרא פונעם טאג. אזוי אויך יעדן ליל שישי האלט מען מיט דעם שיעור פון ראש ישיבה שליט"א אין דעם ביהמ"ד און מען איז זיך מחזק אינאיינעם.

אסאך פון די אינגעלייט וואס האבן דארט געוואוינט און געדאוונט אין דעם בית המדרש, האבן זיך אריבערגעצויגן קיין קרית ברסלב ליבערטי, אבער דער בית המדרש איז גארנישט געווארן ווייניגער צוליב דעם, נאר אדרבה מיט די צייט האט מען נאך צוגעבויעט א מקוה, און אזוי אויך קומען כסדר צו מתפללים.

יעצט הערט מען די גוטע נייעס אז מען מאכט גרעסער דעם בית המדרש, און אזוי אויך אסאך פארבעסערונגען ווערט אריינגעלייגט אינעם בית המדרש.

צווישן די פארבעסערונגען זענען: מען פארדאפלט די גרויסקייט פונעם בית המדרש, מען העכערט דעם דאך, מען לייגט שיינע ליכטיגע לייטס, מען לייגט איבער א פראכטפולע פלאר, מען אינסטאלירט א נייעם שיינעם ארון הקודש, אזוי אויך לייגט מען צו עטליכע בית הכסא'ס, און מען מאכט אינגאנצן איבער דעם מזרח וואנט.

אויך האט מען דארט געמאכט א פרישע חידוש אין די וועלט פון הפצה, מען האט אינסטאלירט א באקס אינדרויסן פון בית המדרש, און יעדע ערב שבת קודש קען מען דארט טרעפן די נייעסטע גליונות און אויסגאבעס פון יענע וואך.

אזוי איז מען מזכה פילע אידן פון די גאנצע אומגעגנט זיי זאלן אנשטאט נעמען די אדווערטייזמענט ביכלעך - וואס אפילו עס איז געשריבן אויף אידיש איז עס פול מיט שטותים און הבלים - נעמען זיי יעדע וואך די הייליגע קונטרסים וואס זענען מגלה און מפרסם דעם אייבערשטן, און זענען זיך מחזק מיט פשטות יהדות, אמונה אינעם אייבערשטן וכו'.

אין קרית ברסלב ליבערטי האט מען שוין אויך נאכגעמאכט דעם געדאנק, ווי מען האט אינסטאלירט א באקסל אין בית המדרשביים טיר ווי מען קען נעמען די גליונות און די קרית ברסלב בלעטל יעדע וואך, אזוי אויך איז עס געווארן אינסטאלירט אין די שטעטל גראסערי ביים טיר.

ווי אויך האט עס האברך יואל לאנדא הי"ו אינסטאלירט ביי זיין פאסט באקס אויף אלד ראוד מאנטיסעלאו, וואס איז א פלאץ ווי מענטשן שפאצירן אדורך, און מענטשן זענען זיך מחיה, מען נעמט א גליון און מען גייט ווייטער.

דעם פארגאנגענעם יום טוב סוכות, בפרט שמחת תורה איז אריבער דארט אין בית המדרש גאר דערהויבן און פרייליך, דאס יאר איז געווען די דריטע יאר וואס דער בית המדרש איז געווען אפן שמחת תורה. די מתפללים האבן צוזאמען געטאנצן מיט גרויס שמחה, מען האט געטאנצן אין זיך געפריידט מיט די תורה, מען האט געשפירט אז מען האט א שייכות מיט די תורה, נאכדעם וואס מען האט זוכה געווען צו מסיים זיין די גאנצע תורה צוויי מאל די חומש און איין מאל די תרגום אזוי ווי מוהרא"ש פלעגט ארייברענגען אין אונז און ווי דער ראש ישיבה טוט ווייטער דאס חזר'ן מיט אונז.

דעם פארגאנגענעם זונטאג לך לך איז פארגעקומען אין בית המדרש א שיינעם חנוכת הבית המדרש, און א סיום מסכת ביצה, צוזאמען מיט א שבע ברכות פאר א תלמוד הישיבה, בהשתתפות דעם ראש ישיבה שליט"א. דער ראש ישיבה האט שטארק מחזק געווען צו לערנען דעם דף גמרא יעדן טאג, היכל הקודש איז א באן וואס פארט יעדן טאג, זעה נישט ארויסצופאלן. און אזוי אויך נאך דיבורי התחזקות פאר די מתפללי בית המדרש.

**צו איבערגעבן היכל הקודש נייעס פאר די מערכת, ביטע רופן דעם ספעציעלן נומבער און לאזט איבער א מעסעדזש**
**347-379-1161**



אינסטאל'ירט א באקס
פאר גל'יונות ביים טיר אין
בית המדרש היכל הקודש
קרית ברסלב ל'יבערטי



# מעשיות פון "תפילה"

### אשר לעמיל זוסמאן:

איך האב געשיקט מיינע קינדער צו מיינע עלטערן וואס וואוינען אין טאהש-קאנאדע - מיט מיין ברודער. אריינצופארן אין קאנאדע דארף מען האבן א נעגאטיווע קאראנע טעסט, איך האב געמאכט די צעטלעך פאר מיינע קינדער, אלעס האט אויסגעקוקט פיין, און זיי זענען ארויסגעפארן.

זיי קומען אן צום גרעניץ און מען פרעגט זיי אלע שאלות ווי געווענטליך ביז זיי האבן געבעטן די קאוויד טעסט'ס, מיין ברודער האט זיי געגעבן די צעטלעך וואס איך האב געמאכט, אבער זיי זענען נישט געווען צופרידן, די טאג וואס איז געשטאנען אויף די טעסט האט נישט אינגאנצן געשטימט מיט די טאג וואס מיין ברודער איז אריינגעקומען אין אמעריקע, זיי האבן גע'טענה'ט אז ס'איז פאלשע צעטלעך און זיי האבן נישט געוואלט אריבערלאזן מיינע קינדער.

מיין ברודער האט מיר שנעל אנגערופן און פארציילט וואס דא גייט פאר, זאג איך אים לאמיר בעטן דעם אייבערשטן. האבן מיר אלע געבעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל זיי שוין לאזן גיין. נאך אפאר מינוטווארטן דארט און רייסן תפילות האבן זיי געפרעגט מיין ברודער אויב ער האט עפעס וואס מען דארף צאלן טעקס, האט ער געזאגט אז יא, איך האב צוגארעטלעך, און וואונדער איבער וואונדער, זיי האבן אינגאנצן פארגעסן פון די טעסטס און זענען געווארן פארנומען מיט די צוגארעטן. ער האט באצאלט די נויטיגע טעקסעס און זיי האבן געקענט ווייטער פארן.

עס איז געווען גאר אינטערעסאנט פארוואס פריער האבן זיי נישט נאכגעלאזט וועגן די טעסטס און יעצט האבן זיי אינגאנצן פארגעסן, אבער מיר האבן יא געוויסט אז די ענטפער איז 'תפילה'..

### מרדכי אהרן היילפרין:

איך האב געהאט א גרויסע טשעק אין מיין טאש, אינמיטן טאג האב איך געטאפט מיין טאש זיכער צו מאכן אז די טשעק ליגט דארט, אבער איך האב עס נישט געפילט, ערגעץ וואו האב איך עס פארלוירן, איך האב נישט געקענט טראכטן וואו עס קען זיין, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן "היילגער באשעפער, די טשעק איז זייער א וויכטיגע טשעק, העלף איך זאל עס שנעל טרעפן" אזוי האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אגאנצן טאג. שכח אייבערשטער, די נעקסטע טאג האב איך עס געטראפן אויף א פלאץ וואו איך האב בכלל נישט געטראכט אז עס ליגט דארט.

### יעקב משה אינדארסקי:

איך האב געהאט פארלוירן א סוועטער אין די זוממער, וויפיל איך האב נאר געזוכט האב איך עס נישט געקענט טרעפן. דער ווינטער קומט שוין און איך דארף האבן א סוועטער, בין איך געגאנגען און געשעפט און געקויפט א נייע, אבער די נייע איז נישט געווען אזוי גוט, איך האב יא געוואלט טרעפן מיין אלטע סוועטער. האב איך געפאלגט דעם רבי'ן און געבעטן דעם אייבערשטן אויף מיין שפראך אז איך זאל עס טרעפן. אזוי בעטנדיג דערמאן איך זיך אז אפשר האב איך עס איבערגעלאזט אין די באנגעלאו קאלאני וואו איך בין געווען דעם פארגאנגענעם זוממער, איך בין אהין געפארן און געזוכט אביסל און יא, איך האב עס געטראפן דארט!

### אברהם הערש וועבערמאן:

איך בין געפארן אויפן וועג, אינמיטן באמערק איך א פאליס פארן אינטער מיר, ער שטעלט מיר אפ און זאגט מיר אז מיין קאר האט נישט געהאט קיין אינספעקשאן די לעצטע יאר.

ער איז צוריק געגאנגען צו זיין קאר, ביז דערווייל האב איך געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל מיר נישט געבן קיין טיקעט און נישט אויפהאלטן לאנג, מיין ווייב האט אינמיטן אריין גערופן און איך האב איר פארציילט אז א פאליס האט מיר אפגעשטעלט, האט זי אויך געבעטן דעם אייבערשטן פאר מיר, און פלאי פלאים ממש נאך א מינוט קומט ער צוריק און זאגט מיר איך קען גיין ווייטער, איך זאל נאר זעהן צו מאכן אן אינספעקשאן באצייטנס. שכח היילגער באשעפער פאר די אפענע נס!

[מען דארף באטאנען אז נארמאל באקומט מען א טיקעט יעדן טאג וואס מען האט נישט געמאכט קיין אינספעקשאן אויף די קאר, און דא האט ער מיר געלאזט גיין און געבן א טיקעט, אפילו איך האב שוין נישט געמאכט די אינספעקשאן פאר איבער א יאר].

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט"א

## וִויאַזוֹי צוּ פִירְן אַ שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ, י' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה זֶעט מֶען וִוי אַזוֹי **אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן** אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעזֶען אַז זַאכְן גֵייעֶן אִים פַּארְקֶערְט אוּן עֶר וַוארְט לַאנְגֶע יָארְן אוֹיף קִינְדֶער; מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית טו, ו): "**וְהֶאֱמִן בַּה' וַיַּחְשְׁבֶהָ לּוֹ צְדָקָה**", עֶר הָאט גֶעגְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט זַיינֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ס, ח): "**יָפָה שִׂיחָתָן שֶׁל עַבְדֵי אָבוֹת, מִתּוֹרָתָן שֶׁל בָּנִים**", דִי תּוֹרָה אִיז מַאֲרִיךְ מִיט דִי מַעֲשִׂיוֹת פוּן דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים אוּן פוּן זַייעֶרֶע קְנֶעכְט אַסַאךְ מֶער וִוי מִיט דִי הֲלָכוֹת וָואס מִיר דַארְפְן טוּן, וַוייל (תַּנְחוּמָא לֶךְ, ט; רַמְבַּ"ן בְּרֵאשִׁית יב, ו. ד"ה וַיַּעֲבֹר אַבְרָם בָּאָרֶץ): "**מַעֲשֵׂה אָבוֹת סִימָן לַבָּנִים**". וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי סֶדְרוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת אוּן פוּן זַייעֶרֶע עֲבָדִים לֶערְנֶען מִיר וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס דִי תּוֹרָה דֶערְצֵיילְט דָאס אִיז פַאר אוּנְז אַ וֶועג וַוייזֶער וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; מִיר זֶעֶען וִוי דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים **הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין קַשְׁיוֹת**, אֲפִילוּ עֶס אִיז אוֹיף זֵיי אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת הָאבְּן זֵיי וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס דַארְפְן מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי יֶעצְטִיגֶע פַּרְשִׁיוֹת, אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן זָאלְן מִיר גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, עֶר שְׁטֵייט אוּנְטֶער יֶעדֶע זַאךְ אוּן אַלֶעס אִיז נָאר פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה.

גְרֵייט דִיר אָן שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה צוּ דֶערְצֵיילְן בַּיי דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת; **קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ צוּ הֶערְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת**. לֵיין פָאר זַייעֶרֶע צֶעטְלֶעךְ וָואס זֵיי בְּרֶענְגֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר אוּן פוּן מֵיידְל סְקוּל. מִיר שִׁיקְן אַהֵיים מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה וָואס אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעבֶּעטְן אוּן הָאבְּן בַּאקוּמֶען; קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן וִוי מֶען פַארְצֵיילְט דָאס אוּן דָאס וֶוערְט אַיינְגֶעבַּאקְן אִין זֵייעֶר הַארְץ.

מִיר קֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג אָפְּדַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אוּנְזֶער חֵדֶר, מֵיידְל סְקוּל אוּן יְשִׁיבָה וואוּ **אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער וֶוערְן נִתְחַנֵךְ מִיט אֱמוּנָה**; מֶען אָטֶעמְט אֱמוּנָה, מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶס אִיז נִישְׁט סְתַּם אַ מַעֲשֶׂה וְכוּ', עֶס לֶעבְּט!

אַ מַאמֶע שְׁרַייבְּט מִיר אַז אִיר קִינְד אִיז יֶעצְט אַרַיין אִין כִּתָּה א', אוּן וֶוען דֶער קִינְד אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר הָאט זִי אִים אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין קְלַאס, וֶוער זַיינֶע רֶבִּי'ס זֶענֶען, וַוייל דִי יוּנְגֶערֶע קְלַאסְן הָאבְּן צְוֵוי מְלַמְדִים - דֶער מְלַמֵד מִיט אַ הֶעלְפֶער, הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט: "דַיין רֶבִּי אִיז אֵיינֶער אַלֵיינְס, אָדֶער עֶס אִיז דָא נָאךְ אֵיינֶער אוֹיסֶער דַיין רֶבִּי?" רוּפְט זִיךְ דָאס קְלֵיין פוּנְף יֶערִיג קִינְד אָן צוּ זַיין מַאמֶע: "**אַלֵיינְס? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין אוּנְזֶער קְלַאס, מַיין רֶבִּי אִיז נִישְׁט אַלֵיין!**" אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת לֵיינְט מֶען אִין דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ אוּן בַּיי אוּנְז אִיז דָאס אַזַא פַּשְׁטוּת, דִי קִינְדֶער לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ גַאנְצֶע וָואךְ בִּיסְטוּ טַאקֶע פַארְיָאגְט צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אָבֶער **בָּא שַׁבָּת בָּא מְנוּחָה**, שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס דִי קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף דֶעם; מַאךְ שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת אוּן זִינְג זְמִירוֹת בַּיי דִי סְעוּדָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קד): "זִינְגֶען זְמִירוֹת אִיז אַן עִיקָר אִין אִידִישְׁקֵייט". פַאר דוּ מַאכְסְט קִידוּשׁ זִינְג שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם; וִוי לַאנְג נֶעמְט עֶס, אַפָּאר מִינוּט, דִי מַלְאָכִים בַּאגְלֵייטְן דִיר פוּן שׁוּל זֵיי וַוארְטְן צוּ זֶען וָואס טוּט זִיךְ אִין דַיין שְׁטוּבּ, וַוייז זֵיי וָואס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים **בַּאגְרִיס דַיין וַוייבּ מִיט אַ שְׁמֵייכְל**, נֶעם אִיר אַרוֹיס פוּן אִיר צֶעבְּרָאכְנְקֵייט אוּן זָאלְסְט שְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר בַּיי דִי סְעוּדָה; פַארְצֵייל אִיר שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט, אַ שֵׁיינֶע וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה וְכַדוֹמֶה.

נָאכְן עֶסְן זָאלְסְטוּ זִינְגֶען כָּל מְקַדֵּשׁ, מְנוּחָה וְשִׂמְחָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. בַּיי אוּנְז אִין בְּרֶסְלֶב זִינְגְט מֶען אַלֶע זְמִירוֹת בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת; אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זִינְגֶען אַלֶע זְמִירוֹת, זִינְג **כָּאטְשׁ אַבִּיסֶל** - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן שֵׁיינֶע דוֹרוֹת. נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, דִי שַׁבָּתִים וָואס מֶען הִיט גֶעהִיטְן, דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת וָואס מֶען הָאט גֶעגֶעסְן אוּן דִי דוֹרוֹת וָואס מֶען צִיט אוֹיף פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**



## חידות אפטיילונג

דער הייליגער רבי האט געזאגט: זינגען זמירות שבת.

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. איז א עיקר אין אידישקייט
ב. ברענגט יראת שמים אויפן מענטש
ג. ברענגט שפע אין שטוב
ד. איז משפיע שמחה אויף די משפחה

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: דער הייליגער רבי האט געזאגט: די וועלט וועט זיך וואונדערן אויף די.

ענטפער: **גרויסע ליבשאפט צווישן אייך**

דער געווינער פון פאריגע וואך איז
**טשארנא איידליס תחי' - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161


## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין קרית ברסלב ליבערטי

**יוסף יאקאבאוויטש הי"ו וזוגתו לאה תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און קענען אויפציען די קינדער אויפן הייליגן רבינ'ס וועג.



## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין קרית ברסלב ליבערטי

**לייבי אפפעל הי"ו וזוגתו גיטל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און קענען אויפציען די קינדער אויפן הייליגן רבינ'ס וועג.



KB PLUMBING
Done faster. Done right. (347) 831-6209

אייער פריינד
יוסי פריעדמאן
347-831-6209

# אלו יעמדו על הברכה

יהא חלקי כיו מזכי הרבים

## המזכים

קרן הבנין לרכישת
בנין בית הדפוס

קרן הדפסה
״היכל הקודש״

## אנשי שלומנו היקרים שנדבם לבם ליטול חלק בבנין בית הדפוס החדש

### חדר הדפסה גדול

מרדכי לייב טירנויער

### שער הבנין

מרדכי אהרן היילפרין | אברהם דוד לאקס

### אבני היסוד

לייבי ראטה | משולם פינטער
אברהם יושע וועבערמאן | שמעון זיגלער

### אבני זהב

יצחק משה רייך | מנחם זאב שטערן | לוי יצחק זאפיר

### אבני כסף

יואל בנציון ווערצבערגער | גדלי׳ אפפעל | ראובן בירנבוים | נחום ברילל
יואל פעדער | יוסף פעלדמאן | זושא פריעדמאן | נחמן שמואל יאקאבאוויטש
יחזקאל שרגא קרויס | אפרים נובוגרודסקי | שמואל אליעזר פערל | אייזיק ראטה
יצחק יונה זאבעל | משה שטיינוואָרצל | יודא אריה טורנהיים | ישראל אשר ווייס
יודא ווערצבערגער | אברהם חיים וויזעל | מרדכי יעקב צימערמאן

### אבני נחשת

אברהם ברוין | יקותיאל יודא איינהארן | יודי אייזנער | אפרים פעלדמאן | יקותיאל פעלדמאן
שכנא גפן | בנציון ב״ר יאקאבאוויטש | ברוך יאקאבאוויטש | יעקב יאקאבאוויטש | עלי מזרחי
הערשי ניימאן | אלי פערל | חיים יוסף ראזענבערג | סענדי ראטה | ישראל מאיר ראטטענבערג
יואל ראטטענבערג | שלום שענקער | משה שטעסאל | זאב סרולאוויטש | אברהם שטערן
אליעזר שטרויס | שמעיה וואקס | אהרן יצחק אפעלדארפער

רופט אריין מיט אייער נדבה:

phone: 718.387.2691 103# email: newbuilding@kerenhadfusa.org whatsapp: 518.966.2370

goodpointmediainc@gmail.com



# א סעודה
# מיט'ן ראש ישיבה

## חלק ב'

צווייטע חלק פונעם ארטיקל "א סעודה מיט'ן ראש ישיבה" צווייטע נאכט סוכות.

דער ראש ישיבה האט מסביר געווען: וואס איז גן עדן? פאר קליינע קינדער זאגט מען אז אין גן עדן איז דא קענדיס מיט לאליס. און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו איינע פון די קינדער וואס זענען דארט געווען "אמת יענקעלע? אין גן עדן קען מען אראפנעמען פונעם בוים טויס און טראקס און אלע גוטע זאכן", און פאר גרעסערע קינדער זאגט מען אנדערע זאכן, אבער וואס איז אמת'דיג גן עדן? דער הייליגע רבי זאגט ווען מען דאנקט דעם אייבערשטן, **ווען מען זאגט 'ש'כח אייבערשטער', דאס איז גן עדן!**

מען האט געשמועסט וועגן חדר, און דער ראש ישיבה האט פארציילט פאר די קינדער ווער עס וועט זיין זייער מלמד דאס יאר, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז עס פעלט אים איין מלמד און דער ראש ישיבה האט געפרעגט האברך ... נרו יאיר אויב ער וויל ווערן א מלמד דאס יאר, דו וועסט קענען זיצן מיט ריינע נשמות און רעדן צו זיי פונעם אייבערשטן!

דער ראש ישיבה האט פארציילט אז אינמיטן זומער איז דער אינגערמאן געגאנגען ארבעטן, אבער נאכדעם האט ער זיך געמאכט א חשבון אז ענדערש וועט ער גיין לערנען. און דער ראש ישיבה האט מסביר געווען אז ס'איז א שאד צו ארבעטן שווער, ווייל סיי ווער ס'ארבעט און סיי ווער ס'ארבעט נישט,ביידע האבן געלט, און ביידע האבן נישט קיין געלט.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער וויל אויפנעמען א מגיד שיעור פאר די יונגע בחורים, דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין זון הרב אלחנן נרו יאיר אויב ער איז מסכים צו געבן צוויי שיעורים יעדן טאג פאר די בחורים, גמרא און שלחן ערוך. און דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין שניר, איר זענט מסכים? איר וועט אים מחזק זיין?

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזינגען מיט די קינדער, 'איך זיץ מיך אין מיין סוכה'לע, מיט ברעטעלעך און סכך...' און דער ראש ישיבה האט געמאכט געשמאק פאר זיי, און זיך איבערגעדרייט די גלעזער און פרייליך געמאכט.

דער ראש ישיבה האט פארציילט וואס וועט געשען ווען משיח וועט קומען. די גוים וועלן זאגן אז ס'איז נישט יושר, זיי האבן אויך געוואלט האבן די תורה. דער אייבערשטער וועט זיי זאגן: "איך געב אייך איין מצווה, לאמיר זען צו עטץ וועטס עס קענען מקיים זיין", און דער אייבערשטער וועט זיי געבן די מצוה פון סוכה, און דער אייבערשטער וועט מאכן עס זאל זיין זייער הייס, און די גוים וועלן ארויסגיין פון די סוכה און עס צושטויסן! שטעלט זיך די שאלה, די אידן גייען דען יא בלייבן אין די סוכה?! ווען ס'איז הייס גייען דאך אלע ארויס פון די סוכה? נאר וואס דען, די אידן וועלן נישט צוברעכן די סוכה ווען זיי גייען ארויסגיין.

אינמיטן איז א אינגערמאן אנגעקומען צו די באטע פארשוויצטערהייט פונעם וועג פון זיין הויז ביז'ן הויז פונעם ראש ישיבה, און ס'איז געווען הייס אין די סוכה, און דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט, 'ביזט הייס? שטעל דיך פאר למשל ביזט געווען יעצט אין א שוויץ'.

דער ראש ישיבה האט דערציילט א ווערטל: איינמאל איז געווען א מענטש וואס האט געוויזן פאר איינעם א בילד וואס ער האט געמאלן, און ער ווייזט אים א ליידיגן פאפיר, און ער זאגט, "זעסט? דא זעט מען א פערד איז ביי א וואסער און ער עסט גראז". זאגט אים דער אנדערער מענטש, איך זע גארנישט דא, נאר א ליידיגע פאפיר... וואו איז די וואסער? רופט זיך דער מעלער אן "אה די וואסער, די פערד האט עס שוין אויסגעטרינקען". פרעגט דער ערשטער ווייטער "אבער איך זע נישט קיין גראז, וואו איז די גראז?" זאגט ער אים די פערד האט שוין אויפגעגעסן די גראז... אבער איך זע בכלל נישט דא קיין פערד? ווייל די פערד האט שוין געענדיגט עסן, און ער איז שוין אוועקגעגאנגען...

דער ראש ישיבה האט דערציילט נאך א ווערטל: אמאל איז געווען א איידעם ביי זיין שווער'ס סעודה, און ער האט געזאגט א תורה, אז ס'שטייט די וואך אין די פרשה א פסוק, און ס'איז דא א קשיא אויף די פסוק, אויך איז דא א תירוץ צו פארענטפערן די קשיא.... און אז אלעס איז פארענטפערט קען מען שוין ווייטער עסן...

דער ראש ישיבה האט פארציילט אויף איינעם אז ער מאכט זייער אינטערעסאנט זיין שבת טיש. ער שפילט א גיים מיט די קינדער '**עצתו אמונה געים**'. ער לאזט נישט די קינדער ליינען עצתו אמונה פאר שבת, און ביי די סעודה פרעגט ער די שאלות פון די בריוו און אלע קינדער האבן א געלעגנהייט צו זאגן וואס זיי טראכטן אז די תשובה וועט זיין. נאכדעם וואס יעדער האט שוין געזאגט, ליינט ער פאר די תשובה פונעם ראש ישיבה.

איינער פון אנשי שלמינו וואס איז געקומען צו די באטע האט דערציילט אסאך וויצן, און דער ראש ישיבה האט זייער הנאה געהאט, איינע פון די וויצן האט דער ראש ישיבה איבערדערציילט הויך פאר די גאנצע משפחה, אז איינמאל איז א מענטש געקומען צו א רב פרעגן א שאלה, היות זיין טאטע איז נישט געזונט און די דאקטוירים האבן אים געגעבן בלויז 5 וואכן צו לעבן, אבער אין 5 וואכן ארום וועט ער זיין זייער פארנומען, ווייל דעמאלטס איז די שטערקסטע סעזאן פון זיין ביזנעס, וויל ער וויסן אויב ער קען שוין יעצט זיצן שבעה פאר זיין טאטע... און אויב יא, וויל ער אויך וויסן אויב זיין טאטע דארף אים קומען מנחם אבל זיין...

אויך איז אמאל געווען אן אלטער איד וואס איז געווען זייער לאנגווייליג, איז ער יעדן טאג געקומען באזוכן ביים דאקטער מיט א אנדערע תירוץ. איין טאג אז זיין אויער טוט אים וויי, איין טאג זיין הענט, איין טאג זיין פיס, אזוי איז געווען יעדן טאג. איינמאל האט דער דאקטער באמערקט אז ס'איז שוין דורך דריי טעג וואס דער איד איז נישט געקומען. די פערטע טאג ווען ער איז געקומען האט אים דער דאקטער געפרעגט, וואס איז געשען מיט אייך אז איר זענט נישט געקומען אזוי לאנג? האט דער אלטער איד געענטפערט, אנטשולדיגט מיך, אבער איך האב נישט געקענט קומען ווייל איך האב נישט גוט געפילט...

דער ראש ישיבה האט דערציילט א מעשה פונעם הייליגן חפץ חיים זכותו יגן עלינו, אז ער פלעגט יעדעס יאר בויען זיין סוכה אויף א געוויסע פלאץ, און ווען דער חפץ חיים האט חתונה געהאט בזיווג שני, האט ער ווייטער געבויעט די סוכה ווי אלע יארן, אבער ווען ער האט געענדיגט בויען די סוכה האט זיין ווייב אים געזאגט אז זי וויל ענדערש די סוכה זאל זיין ערגעץ אנדערש. איז ער געגאנגען און ער האט צענומען די סוכה און עס אויפגעבויט דארט ווי זי האט געזאגט. די נעקסטע טאג, זאגט זי, ווייסט, איך וויל ענדערש די סוכה זאל יא זיין דארט ווי ס'איז געווען. האט דער חפץ חיים נאכאמאל צענומען די סוכה און עס אויפגעשטעלט צוריק אויפן ערשטן פלאץ.

# א מעשה
## פון א צדיק



## מעשה פון הייליגן מלבי"ם זי"ע

דֶער הֵיילִיגֶער מַלְבִּי"ם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז קוֹדֶם גֶעוֶוען רָב אִין שְׁטָאט בּוּקַארֶעסְט, אוּן דָארְטְן הָאבְּן דֶעמָאלְטְס גֶעווֹאוֹינְט דִי גְרֶעסְטֶע לֵיצִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, עֶס פְלֶעגְט דֶעמָאלְטְס אַרוֹיסְקוּמֶען צְוֵויי צַייטוּנְגֶען, 'הַבּוֹקֶר' אוּן 'הַשַּׁחַר', וָואס הָאבְּן גֶעהֶעצְט אוּן לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן פוּן דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער מַלְבִּי"ם אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶע קֶעמְפֶער קֶעגְן דִי אַלֶע זַאכְן, אוּן הָאט נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט בְּשׁוּם אוֹפָן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען הָאט אִים גֶע'רוֹדֵפְ'ט, וַוייל אַז אֵיינֶער וִויל זִיךְ נִישְׁט בֵּייגְן, הָאט מֶען אִים פַּיינְט, אוּן מֶען רוֹדֶפְ'ט אִים.

אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז דִי רֶעגִירוּנְג הָאט אִים גֶעוָואלְט רַחְמָנָא לִצְלָן אוּמְבְּרֶענְגֶען, נָאר דֶער שַׂר רֶבִּי מֹשֶׁה מַאנְטִיפְיוֹרִי זַ"ל הָאט גֶע'פּוֹעֵלְ'ט מִיט גֶעלְט בַּיי דִי רֶעגִירוּנְג, אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט הַרְגֶ'ענֶען נָאר מֶען זָאל אִים אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן שְׁטָאט, אוּן עֶר הָאט זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז אַרוֹיסְוַוארְפְן אִיז עֶרְגֶער וִוי הַרְגֶ'ענֶען, וַוייל הַרְגֶ'ענֶען הָאט עֶר נָאר אֵיינְמָאל צַעַר, אָבֶער אַ רָב אַז מֶען וֶועט אִים אַרוֹיסְוַוארְפְן מִיט בִּזְיוֹנוֹת, וֶועט עֶר שׁוֹין הָאבְּן בִּזְיוֹנוֹת אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט זַיין לֶעבְּן. אוּן מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטוּעֶן, מֶען הָאט אִים נֶעבֶּעךְ אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן שְׁטָאט מִיט בִּיזֵי בִּזְיוֹנוֹת, עֶרֶב שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, כְּדֵי עֶר זָאל דַארְפְן מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין, [אַזוֹי וִוי דֶעם הֵיילִיגְן בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן שְׁטָאט פִּינְסְק עֶרֶב שַׁבָּת] מֶען הָאט אִים אַרַיין גֶעזֶעצְט אִין אַ מִיסְט וָואגְן [אַזוֹי וִוי הַיינְט אַ גַארְבִּידְ"שׁ טְרָא"ק].

אוּן אוֹיבּ עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶענוּג, אִיז גֶעוֶוען דָארְטְן אֵיינֶער פוּן דִי עֲשִׁירִים אִין שְׁטָאט, מִיטְן נָאמֶען 'זְשָׁאסֶעף', אַ גְרוֹיסֶער עַזוּת פָּנִים, קוּמְט עֶר צוּ, מִיט אַ חַזֶר'ל, אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: רֶבִּי, אִיר פָּארְט דָאךְ יֶעצְט אַוֶועק פַאר שַׁבָּת, דָא הָאט אִיר עֶפֶּעס צוּ עֶסְן אוֹיף שַׁבָּת! הָאט זִיךְ דֶער מַלְבִּי"ם אָנְגֶערוּפְן: יֶעצְט הָאסְטוּ שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן דֶעם שְׁטְרִיקְל! עֶס הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען לַאנְג אוּן אַ ווִילְדֶער חַזִיר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן וַואלְד, אוּן עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ פַארְצוּקְט פוּן אִים צְוֵויי קִינְדֶער, אוּן זֵיי צוּרִיסְן אוֹיף שְׁטִיקֶער אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אֲפִילוּ דִי בֵּיינֶער.

אַמָאל הָאט אַ אִיד גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן מַלְבִּי"ם דֶער דֶעמָאלְטְסְדִיגֶער רָב פוּן שְׁטָאט בּוּקַארֶעסְט, וִוי עֶר קוּמְט אַרָאפּ פַארְטָאגְס פוּן אַ הוֹיכְן גֶעבֵּייְדֶע, בִּשְׁעַת זַיין פָּנִים אִיז אִינְגַאנְצְן רוֹיט אוּן פַארְפְלַאמְט, פְרֶעגְט אִים דֶער אִיד: וָואס אִיז גֶעשֶׁען? עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים: קוּם מָארְגְן מִיט אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה פְרִיעֶר, וֶועסְט אַרוֹיף קוּמֶען מִיט מִיר אוֹיבְן אוֹיף דִי גֶעבֵּייְדֶע, וֶועל אִיךְ דִיר זָאגְן.

דֶער אִיד וַוארְט אוֹיס אוֹיף מָארְגְן, אוּן פַארְטָאגְס גֵייט עֶר אַרוֹיף אוֹיבְן צוּזַאמֶען מִיטְן רָב, אוּן עֶר זֶעהְט וִוי דֶער רָב שְׁטֵייט פַארְגַאפְט אוּן קוּקְט וִוי אַזוֹי דִי זוּן קוּמְט אַרוֹיס אוּן שַׁיינְט צוּבִּיסְלֶעךְ אוֹיף, אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ טַאנְצְן אוּן צוּ שְׁפְּרִינְגֶען אוּן עֶר וֶוערְט פַארְפְלַאמְט, פְרֶעגְט אִים דֶער אִיד: רֶבִּי, וָואס אִיז גֶעשֶׁען?! זָאגְט עֶר אִים: זֶעסְט נִישְׁט דֶעם חֶסֶד פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַז דִי זוּן שַׁיינְט אוֹיף צוּבִּיסְלֶעךְ?! וַוייל אַז דִי זוּן זָאל אוֹיפְשַׁיינֶען א וִיף אֵיינְמָאל, וָואלְטְן מִיר אַלֶע בְּלִינְד גֶעוָוארְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בַּיינַאכְט, וֶוען עֶס וֶוערְט וֶוען אִין אֵיין מִינוּט פִינְסְטֶער, וָואלְטְן מִיר אַלֶע בְּלִינְד גֶעוָוארְן. אוּן וִוידֶער קוּק אִיךְ אוֹיף דֶעם חֶסֶד וִוי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאנַייט יֶעדְן טָאג דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה פוּן דָאסְנַיי, אַזוֹיוִוי מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶוענֶען: **'וּבְטוּבוֹ מְחַדֵשׁ בְּכָל יוֹם תָּמִיד מַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית'**. זָאל אִיךְ נִישְׁט טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם וִוי אַזוֹי אַ הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ יֶעדְן טָאג מוֹרָא'דִיג אוֹיפְגֶעפְרִישְׁט אוּן בַּאנֵייט.

(גענומען פון קונטרס "וואס איז נייעס")

טייערע ליינער! וועלכע מוסר השכל האסטו ארויס גענומען פון די מעשה?

שיקט אריין צו די מערכת אויף 845-379-1161

אדער צו breslevofficeliberty@gmail.com

**מוסר השכל פון פאריגע וואך**

**אליעזר שלמה בלום נ"י - בית שמש: אכטונג געבן צו עסן נאר כשר'ע עסן**

**משפחת וועבערמאן - קרית ברסלב: נישט חבר'ן מיט שלעכטע מענטשן**



# דעם רבי'נס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

קאפיטל 5

פארזעצונג פון פריער:

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ טַעֲמִים פַארְוָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

...

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט פַאר ר' יוּדְל אַז עֶר וִויל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט ר' יוּדְל אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֶעזָאגְט, "רֶבִּי, אִיר פָארְט דָאךְ זִיכֶער אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוֹיפְצוּטוּן דָארְט עֶפֶּעס אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין צוּ פּוֹעְלְ'ן וָואס אִיר ווִילְט", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַאר אִים פַאר דִי בְּרָכָה, אוּן אִים שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט, "אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט אוֹיסְפִירְן אוֹיךְ דָא אִין חוּץ לָאָרֶץ דָאס וָואס אִיךְ ווִיל אוֹיפְטוּן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִיט אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת, מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעדַארְפְט פַאר דֶעם פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; דֶער חִילוּק אִיז נָאר אַז וֶוען כְ'וֶועל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועל אִיךְ בַּאקוּמֶען מַיין הַשָּׂגָה מִיט לְבוּשִׁים, אָבֶּער דָא אִין חוּץ לָאָרֶץ וֶועל אִיךְ עֶס קֶענֶען בַּאקוּמֶען נָאר אָן לְבוּשִׁים, אוּן דָאס אִיז דֶער חִילוּק פוּן דִי קְדוּשָּׁה פוּן שַׁבָּת צוּ דִי קְדוּשָּׁה פוּן יוֹם טוֹב".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶפֶנְט פַאר ר' יוּדְל אַ סִידוּר הָאֲרִיזַ"ל אוּן אִים גֶעוִויזְן דָארְט בַּיי דִי כַּוָונוֹת אַז דָאס אִיז דֶער חִילוּק צְוִוישְׁן שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, אַז שַׁבָּת אִיז דֶער אוֹר אָנְגֶעטוּן מִיט לְבוּשִׁים, אָבֶּער יוֹם טוֹב אִיז דֶער אוֹר אָן לְבוּשִׁים.

וֶוען דֶער רֶבִּי'ס וַוייבּ הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶר וִויל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט זִי גֶעשִׁיקְט צוּ אִים דִי טָאכְטֶער שָׂרָה צוּ פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי קֶען זֵיי אִיבֶּערְלָאזְן, וִוי אַזוֹי וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אוֹיף צוּ לֶעבְּן. הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר שָׂרָה, "דוּ וֶועסְט פָארְן צוּ דַיין מְחוּתָּן [זִי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דֶעמָאלְט אַ כַּלָה צוּם זוּן פוּן ר' לֵייבּ דָאבְּרָאוְונֶער], דַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער אָדְל וֶועט אֵיינֶער נֶעמֶען אַלְס דִינְסְט, דַיין קְלֵיינֶע שְׁוֶועסְטֶער מִרְיָם וֶועט אֵיינֶער סְתָּם אַזוֹי אַרַיינְנֶעמֶען אִינְדֶערְהֵיים אַלְס רַחֲמָנוּת, אוּן דַיין מַאמֶע וֶועט גֵיין אַרְבֶּעטְן אוּן וֶוערְן אַ קֶעכֶערְקֶע; אוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ אִין הוֹיז וֶועל אִיךְ פַארְקוֹיפְן צוּ הָאבְּן אוֹיף שְׁפֶּעזְן פַאר דִי וֶועג".

וֶוען דִי מִשְׁפָּחָה הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין, אַסַאךְ טֶעג הָאבְּן זֵיי נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ וֵויינֶען, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער נִישְׁט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר מוּז סֵיי וִוי פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל זַיין גְרֶעסֶערֶע הֶעלְפְט גֶעפִינְט זִיךְ שׁוֹין אִין דָארְט, אוּן דִי קְלֶענֶערֶע חֵלֶק מוּז שׁוֹין אוֹיךְ מִיטְגֵיין אַהִין.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, "אִיךְ וִויל פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ וֵוייס דִי פִילֶע גְרוֹיסֶע מְנִיעוֹת אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן וָואס אִיךְ וֶועל הָאבְּן אוֹיף דֶעם אָן אַ שִׁיעוּר. אִיךְ וֵוייס אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֶועט יֶעצְט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי וֶועלְט, עֶר וֶועט מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה צְוִוישְׁן לֶענְדֶער, אַלֶעס מִיר צוּ שְׁטֶערְן פוּן פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל [אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעשֶׁען, וִוי אִיר וֶועט לֵיינֶען וַוייטֶער], אָבֶּער וִוי לַאנְג דִי נְשָׁמָה אִיז נָאךְ אִין מִיר, וִוי לַאנְג אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַן אָטֶעם, וֶועל אִיךְ זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין מִיטְ'ן גַאנְצְן כֹּחַ אוּן אַהִינְפָארְן, אִיךְ וֶועל טוּן מַיינְ'ס אוּן פָארְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל טוּן מִיט מִיר וִוי אַזוֹי עֶר וִויל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טְרִיט פוּן דִי רֵייזֶע קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶועל אִיךְ הָאבְּן מְסִירַת נֶפֶשׁ", אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן עוֹלָם, "אִיךְ בִּין שׁוֹין יֶעצְט גְרֵייט אַרוֹיסְצוּפָארְן, וִוי אַזוֹי סְ'זָאל נָאר זַיין, אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דָאס גֶעלְט אוֹיף שְׁפֶּעזְן".

דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן הָאבְּן זִיךְ גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין דִי אַרוּמִיגֶע שְׁטֶעט אוּן דֶערְפֶער צוּזַאמְצוּשְׁטֶעלְן עֶפֶּעס גֶעלְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, עֶר זָאל כָאטְשׁ הָאבְּן עֶפֶּעס מִיט וָואס אַרוֹיסְפָארְן פוּן הוֹיז, וַוייל מְ'הָאט גֶעזֶען אַז סְ'בְּרֶענְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן שׁוֹין אַרוֹיסְצוּפָארְן, אוּן מְ'וֶועט אִים נִישְׁט קֶענֶען אָפְּהַאלְטְן אֲפִילוּ נָאר פַאר אַ קוּרְצֶע צַייט.

# בילדער
## אפטיילונג





קאנסטרוקציע אין ביהמ"ד היכל הקודש בלומינג-גראוו


סיום מסכת ביצה אין ביהמ"ד היכל הקודש בלומינג-גראוו


סיום מסכת ביצה - ביהמ"ד היכל הקודש ליבערטי


קאנסטרוקציע אין ביהמ"ד היכל הקודש ליבערטי -דענמאן



פרייליכע טענץ מוצאי שמחת תורה ביים ראש ישיבה שליט"א - אין היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

# בילדער ארכיוון

## ארכיוון פון ישיבה תפארת התורה

פון דעם ערשטן יאר - שנת תשס"ט





מוהרא"ש זי"ע ביים געבן דעם ערשטן שיעור אין ישיבה תפארת התורה



דער ראש ישיבה שליט"א ביים געבן א שיעור אין ישיבה



ביים עסן פרישטאג מיט די תשובה בחורים





דער ראש ישיבה שליט"א ביים געבן שיעורים אין הויף פון ישיבה



בס"ד
א זעלטענע געלעגנהייט
א שבת מעין
עולם הבא
משפחת
דער געווינער
משפחת
הראש ישיבה
שליט"א
שבת
התוועדות
שבת
התוועדות
goodpointmediainc@gmail.com
און געווינט:
שטיצט
בן גמלא
א שבת
מיט'ן
ראש
ישיבה
שליט"א
בן גמלא
347·889·9892